# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת לך לך תשע"ד

גליון 237 [שנה ה']

וַאֲבָרֶכְךָ וַאֲגַדְּלָה שְׁמֶךָ וֶהְיֵה בְּרָכָה: וַאֲבָרְכָה מְבָרְכֶיךָ וּמְקַלֶּלְךָ אָאֹר וְנִבְרְכוּ בְךָ כֹּל מִשְׁפְּחֹת הָאֲדָמָה: (י"ב ב–ג) דער אויבערשטער זאגט וֶהְיֵה בְּרָכָה אז דו זאלסט זיין געבענטשט מיט אלע ברכות. אויב אזוי וואס איז די שייכות מיט דאס וואס שטייט ווייטער וַאֲבָרְכָה מְבָרְכֶיךָ וּמְקַלֶּלְךָ אָאֹר, אז די וואס וועלן דיר בענטשן וועלן זיין געבענטשט און די וואס וועלן דיר שעלטן וועלן זיין געשאלטן? נאר די טבע פון מענטשן איז צו מקנא זיין א עושר מיט זיין רייכקייט און ער באקומט שונאים, וועט אברם האבן חלישות הדעת אז דורך די ברכת ה' וועט ער באקומען שונאים! האט אים דער אויבערשטער גלייך געזאגט וַאֲבָרְכָה מְבָרְכֶיךָ וּמְקַלֶּלְךָ אָאֹר, דער וואס וועט דיר בענטשן וועט אויך זיין געבענטשט און מקללך וועט יענער זיין ארור, ממילא וועט יעדער דיר וועלן בענטשן ווייל יענער וועט אויך האבן עשירות דורך דיר בענטשן, און מען וועט דיר נישט מקנא זיין און קיינע וועט נישט דארפן שעלטן ווייל דו וועסט נישט האבן שונאים, ממילא וועט דיין ברכה זיין א ברכה. דאס מיינט דער פסוק והיה ברכה. מיט דעם קען מען צולייגן וואס שטייט נאכדעם ונברכו בך, און דער תרגום זאגט "ויתברכון בדילך". וואס מיינט וועגן דיר? נאר ווייל יעדער וועט דיר וועלן בענטשן כדי צו ווערן אויך געבענטשט ממילא וועלן אלע ווערן געבענטשט וועגן דיר.

(שמח זבולון המו"ל עפ"י ס' שלמי שמחה – הר' אטלס תרכ"ד))

וַיֵּלֶךְ אַבְרָם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֵלָיו ה' וַיֵּלֶךְ אִתּוֹ לוֹט וְאַבְרָם בֶּן־חָמֵשׁ שָׁנִים וְשִׁבְעִים שָׁנָה בְּצֵאתוֹ מֵחָרָן: וַיִּקַּח אַבְרָם אֶת־שָׂרַי אִשְׁתּוֹ וְאֶת־לוֹט בֶּן־אָחִיו:(י"ב ד–ה) עטליכע דיוקים זענען דא אין די פסוקים: איינס, פארוואס שטייט וַיִּקַּח אַבְרָם וגו' וְאֶת־לוֹט בשעת עס שטייט שוין אין פסוק וַיֵּלֶךְ אִתּוֹ לוֹט? צווייטנס ווי אזוי האט אברם געקענט מיטנעמען לוט בשעת דער אויבערשטער האט אים געזאגט לך לך וגו' ומבית אביך, וואס דאס מיינט פון לוט אויך? נאר מיר טרעפן "ואת הנפש אשר עשו בחרן" די גרים און בעלי תשובה וואס אברהם און שרה האבן געמאכט, און מיר טרעפן אויך ביי נעמי אז זי האט נישט געוואלט מיטנעמען רות, ביז זי האט זיך איינגעבעטן אז זי וויל זיין א איד, און ווען נעמי האט איינגעזען אז זי מיינט דאס מיטן אמת, האט זי איר מיטגענומען. דאס זעלבע איז געווען ביי לוט, אין אנפאנג האט אברם אים נישט געוואלט מיטנעמען, און לוט איז מיט געגאנגען מיט זיין אייגענע ווילן, און ווען לוט האט שטארק איינגעבעטן אז ער וויל מיטגיין מיט אברם, און אברם האט געזען אז לוט מיינט דאס מיטן אמת, איז געווען "וַיִּקַּח אַבְרָם וגו' וְאֶת־לוֹט". (אגודת אזוב בוימגאלד)

עַד מְקוֹם שְׁכֶם: (י"ב ו') פארוואס רופט אן די תורה מקום, און נישט עד שכם? נאר שכם הייסט דאס נאך שכם בן חמור, דעריבער, מקום שכם, דאס איז די פלאץ וואס מען וועט שפעטער רופן שכם. (מהרי"ל דיסקין)

וַיּוֹצֵא אֹתוֹ הַחוּצָה וַיֹּאמֶר הַבֶּט־נָא הַשָּׁמַיְמָה וּסְפֹר הַכּוֹכָבִים אִם־תּוּכַל לִסְפֹּר אֹתָם וַיֹּאמֶר לוֹ כֹּה יִהְיֶה זַרְעֶךָ: (טו ה) זאגט רש"י אמר לו צא מאיצטגנינות שלך [פון דיין שטערענס] אברם אינו מוליד אבל אברהם מוליד, שרי לא תלד אבל שרה תלד. לכאורה דארף מען פארשטיין אז דער עצם זאך אז אברהם אבינו און שרה זאלן האבן קינדער אויף דער עלטער איז דאך א נס ווייל לפי טבע איז דאס נישט שייך, אויב אזוי פארוואס האט דער אויבערשטער געדארפט הייסן מוסיף זיין צו זייער נעמען, דער זעלבער נס קען געשען אן בייטן די נעמען? נאר מען קען זאגן אז די תורה איז אונז מגלה אז ווען דער אויבערשטער וויל מאכן א נס טוט ער דאס אויף א אופן עס זאל זיין וואס נענטער צו טבע, ווייל ווען מען מאכט א קלענערע נס קענען מענטשן דאס תולה זיין אז עס איז טבע ממילא איז נאך דא בחירה. דעריבער ווען אברהם אבינו און שרה האבן געהאט קינדער דורך משנה זיין זייערע נעמען, וועט מען דאס תולה זיין אין דעם בייטן זייער מזל און נישט אלס נס, און דאס איז דער רצון הבורא צו זיין אלס נענטער צו טבע. ווייל ווען מען מאכט א נס גלוי קען אוועקגענומען ווערן די בחירה. מען דערציילט אז ביים אדמו"ר ר' ישראל מסטאלין זי"ע פלעגן אסאך גויים קומען צו איהם פאר ישועות און ער האט אלע מאל געזאגט פאר די גויים זיי זאלן עפעס טאן למשל קויפן א כלי אדער פארעכטן א טיר וכדומה, און אלעס ארייגלייגן אין די טבע אז מען זאל מיינען אז דער חפץ האט געברענגט די ישועה. (שמח זבולון געבויט אויף ס' דרש משה הגאון ר' משה פיינשטיין)

וְאַתָּה תָּבוֹא אֶל־אֲבֹתֶיךָ בְּשָׁלוֹם: (טו טו) פרעגט רש"י אויב תרח איז געווען א עובד עבודה זרה ווי האט דער אויבערשטער געזאגט אברהם אבינו ער וועט קומען צו זיין טאטן אין גן עדן? נאר ווייל תרח האט תשובה געטאן. פרעגן אלע פון וואו נעמט רש"י אז תרח האט תשובה געטאן? איי מיר זעהען אז תרח האט זוכה געווען צו גן עדן, אפשר איז דאס אין זכות פון זיין זון אברהם אזוי ווי די גמרא זאגט (סנהדרין קד) ברא מזכי אבא, אז א זון קען מזכה זיין פאר א טאטן, האט תרח געהאט גן עדן אין זכות פון אברהם אבער ווער זאגט אז תרח האט תשובה געטאן? מען זאגט א תירוץ וואס דעם מהרש"א האט דאס געזאגט אלץ קינד. ווייל לכאורה איז שווער וואס איז די לשון "אֲבֹתֶיךָ" א לשון רבים, עס האט געקענט שטיין ואתה תבא אל אביך, איז משמע פון "אֲבֹתֶיךָ" אז אברהם אבינו וועט גיין צו א רבים, צו תרח און צו נחור. קומט אויס אז אויך נחור האט זוכה געווען צו גן עדן, איז שווער פון וואו האט נחור זוכה געווען צו גן עדן? האט מחדש געווען דער הייליגער גאון מיט זיין גאונות אז תרח האט געהאט גן עדן אין זכות פון זיין זון, פארשטייט מען, אבער ווי קומט נחור אין גן עדן ער האט נישט קיין זכות אין זיין זון תרח? מוז מען זאגן אז תרח האט אויך תשובה געטאן, ממילא האט נחור געהאט גן עדן אין זכות פון זיין זון תרח. דאס מיינט אבותיך א לשון רבים נחור און תרח. איז א ראיה אז תרח האט תשובה געטאן ממילא האט נחור באקומען גן עדן אין זכות פון תרח. (בשבילי התורה)

## מדור העובדות

### דער רבי ר' שלום מקאמינקא זצוק"ל דערקענט דעם שווינדל פון די סוחרים פון זייערע רעדן

הרה"ק רבי שלום פון קאמינקא זיע"א איז געווען א תלמיד פון הרה"ק רבי שלום פון בעלזא זיע"א און איז אויך געפארן צום הייליקן ריזינער זצוק"ל. א שטארקע ארימקייט האט געהערשט ביי דעם קאמינקער אין הויז ווייל קיין רייכע חסידים האט ער נישט געהאט, און דער הויף האט זיך געפירט

אויף א ארימען אופן. אבער מען האט זיך שטענדיג מסתפק געווען במועט מיט וואס עס איז דא. מאכט זיך אמאל א שווערע ווינטער עס איז געווען שטארק קאלט און אסאך רעגן און שניי זענען געגאנגען אין קאמינקא און דאס האט אנגעהאלטן וואכן לאנג. אזוי נאך אז קיין געסט זענען נישט

אריין געקומען אין שטעטל און מען האט גארנישט געהאט אין דעם רבינ'ס הויז און עס איז אין הויז נישט געווען קיין האלץ צו הייצן און עס איז געווען באו מים עד נפש. קומט אבער פלוצלונג אן א ידיעה אז אין שטעטל איז אריין געפארן א וואגן וואס זיצן אויף איהר צוויי אידישע נגידים וואס זעהען אויס גרויסע סוחרים און די שמחה איז געווארן זייער גרויס וייל די צוויי וועלן זיכער אריין גיין צום רבין און איבער לאזן א שיינעם פדיון וואס וועט ראטעווען אביסל דעם מצב אין הויף.

די גבאים האבן געלאזט וויסן דעם רבין אז עס איז אנגעקומען אורחים און האבן אים געבעטן ער זאל זיי באלד אויפנעמען, דער רבי האט מסכים געווען. פאר די גבאים איז ליכטיג געווארן אין די אויגן ווען זיי האבן געזען ווי די צוויי חשובע סוחרים ציילן אפ פאר זייער אריינגיין צום רבי'ן א שיינע סומע געלט וואס זיי ווילן אוועק לייגן א פדיון און באקומען א ברכה פון רבין. ווען די נגידים זענען אריין צום רבין האבן זיי איבערגעגעבן זייערע קוויטלאך און דער רבי האט געליינט ביידנ'ס בקשה וואס יעדער האט געשריבן דעם זעלבן נוסח "להתברך בהצלחה בכל אשר נפנה" [זיי ווילן ביידע האבן הצלחה צו וואס זיי וועלן זיך קערן] דער רבי קוקט נאכאמאל אין זייערע קוויטלאך און פרעגט "אין וואס א זאך דארפט איר הצלחה?"

דערציילן זיי מיר זענען סוחרים וואס פארן אויפן יריד און מיר האנדלען מיט וואס מיר טרעפן דעריבער בעטן מיר א ברכה פון רבין אז מיר זאלן האבן הצלחה אין וואס מיר וועלן טאן! דער קאמינקער האט זיי ביידע גוט אנגעקוקט און האט געבעטן אז זיי זאל איבער זאגן די ווערטער וואס זיי האבן געזאגט, און זיי האבן אזוי געטאן און איבער געזאגט די זעלבע ווערטער א צווייטן מאהל.

ווען זיי האבן געענדיגט זייערע רייד רופט זיך אן דער רבי "נעמט אייך צוריק אייערע געלט און מאכט מיר נישט גליקלאך און פארט שוין געזונטערהייט אן מיין ברכה וויל איך פארקויף נישט קיין ברכות פאר געלט." זאגן זיי מיר ווילן אייך מהנה זיין אבער דער רבי האט זיי געזאגט איך וועל אייער געלט נישט נעמען! די צוויי נגידים האבן פארלאזט דעם רבינ'ס צימער און די גבאים זענען געווארן פארוויטאגט פארוואס דער רבי האט זיי אזוי באהאנדלט אין דער צייט וואס זייער פדיון וואלט שטארק צונוץ געקומען.

דער רבי האט זיך אנגערופן צו די גבאים: רופט אריין די חסידים וואס זענען דא וועל איך פארציילן א מעשה און איר וועט אויך פארשטיין וואס איז געשען און עס איז כדאי צו הערן כדי עס זאל ווערן איבערדערציילט לדורות: דער הייליגער רמב"ן זצ"ל איז געווען באוואוסט פאר א גרויסער חכם און איז געווען באליבט אויך ביים קייסער. דער קייסער האט אים איינגעלאדנט צו זיך אין פאלאץ און האט מיט איהם פארברייגנט שעה'ן לאנג הערן זיין חכמה און דורכרעדן זיינע ענינים, דער רמב"ן האט אויסגענוצט דעם געלעגנהייט איבער צוזאגן פארן קייסער מאמרי חז"ל פון די גמרא און מדרשים כדי צו דערהויבן ביים קייסער א ליבשאפט צו די אידן און אזוי האבן די אידן דעמאלטס געלעבט זייער רוהיג, דאס האט אבער געברענגט א שטארקע שנאה וקנאה ביי די שרים פון קעניג אנקעגן דעם רמב"ן און זיי האבן נישט געקענט פארטראגן אז א איד זאל זיין אזוי חשוב ביים קעניג און נאך מער אז ער ברענגט אריין ביים קעניג א גוטן איינדרוק פאר די אידן און זייער תורה.

זענען זיי געקומען צו א עצה זוכן ביי זיי איינעם וואס איז אויך א חכם און קען מאמרי חז"ל וואס וועלן קענען געטייטשט ווערן אנקעגען די אידן און אזוי אריינברענגען ביים קעניג א שנאה צו די אידן און די תורה רח"ל. מיט די צייט האט פאר די שרים געלונגען צו טרעפן אין א ווייטע מדינה א גלח א שונא ישראל וואס איז געווען באקאנט אין תורה שבכתב און תורה שבעל פה און מיט די הילף פון די שרים האט מען איהם געברענגט צו זייער מדינה און צוביסלאך איז דער גלח געווארן א קרוב למלכות.

יעצט ווען דער רמב"ן פלעגט זאגן פארן קעניג שיינע ווערטער פון חז"ל האט דער גלח געזען צו זיין דארטן און ווען דער קעניג איז נתפעל געווארן פון די זיסע חז"ל ווערטער האט דער גלח פרובירט צו פארענטפערן און זיי פארטייטשן אין א קרומע וועג און געזען אז די מאמרים זאלן אריינברענגען א שנאה צום אידישן פאלק. איינמאל האט דער קעניג זיך געווענדעט צום רמב"ן און געפרעגט וואס ער זאגט צו דעם וואס דער גלח ברענגט ווערטער וואס ווייזן ווי נידעריג די אידן זענען? רופט זיך אן דער רמב"ן אז וואס דער גלח האט איבער געטייטשט איז נישט אמת אזוי ווי עס שטייט און נאר די גרויסע תלמידי חכמים ווייסן ווי צו לערנען פשט. אויך איז א סוד ביי די געלערנטע אידן וואס קענען זאגן אויף דעם וואס זאגט איבער די מאמרי חז"ל, די נאטור און דער מצב פון געזונט פון מענטש און וואס פאר א זינד ער האט געטאן אין זיין לעבן!

דער גלח האט זיך צולאכט און זיך אנגערופן אז דער רמב"ן רעדט אזעלעכע זאכן וואס עס איז נישט מעגלאך. דער קעניג איז געווארן ערנסט און געזאגט ער וויל יעצט מאכן א פראבע און הייסט דעם גלח איבערזאגן א מאמר פון חז"ל און האט געמאכט חוזק פון די אידן. האט דער קעניג זיך געווענדט צום רמב"ן און געזאגט צו קענט איר יעצט זאגן עפעס וועגן דעם גלח? רופט זיך אן דער רמב"ן זאל דער גלח איבער זאגן נאכאמאל דעם זעלבן מאמר און איך וועל זען אין זיינע ווערטער וואס גייט ארויס פון זיין מויל אלעס וועגן דעם גלח.

דער גלח האט באקומען יעצט א שרעק און נישט געוואלט טאן די פראבע! אבער דער קעניג האט אים געווארנט מיטן לעבן און דער גלח האט געמוזט לויטן באפעל פון קעניג איבער זאגן דעם מאמר חז"ל פונקט ווי ער האט פריערט געזאגט. דער רמב"ן האט אנגעהויבן זאגן זאכן וואס דער גלח האט געטאן און האט זיך אנגערופן.

אויב איר גלויבט נישט וואס איך האב געזאגט, מוז איך זאגן אז דער גלח האט יעצט באקומען א שרעקליכע מחלה וואס איז זייער אנשטעקינג פאר די מענטשן ארום אים! דאס האב איך געזעהן לויט די ווערטער וואס זענען ארויס פון זיין מויל. אויב דער קייסער וויל ווערן איבערגעצייגט אין די זיכערקייט פון מיינע ווערטער זאל מען ברענגען דעם קעניג'ס דאקטאר ער זאל איהם גוט אונטערזוכן און ער וועט גלייך זען אז מיינע רייד איז ריכטיג. דער קעניג האט נישט געקענט גלויבן וואס גייט דא אן פאר זיינע אויגן און דער אמת האט זיך באלד אויסגעוויזן אז דער גלח איז טאקע זייער קראנק און מען האט אוועק געשיקט דעם גלח פון פאלאץ מיט גרויסע בזיונות. דער קעניג האט איבער געבעטן דעם רמב"ן און אים יעצט נאך מער געשעצט.

האט ר' שלום קאמינקא אויסגעפירט צו די חסידים אז דער כח פון דערקענען לויט די דיבורים פון א מענטש וואו ער האלט, איז דא ביי אסאך צדיקים, איז ווען די צוויי סוחרים האבן געבעטן זייער בקשה האב איך זיי געהייסן דאס איבערזאגן און פון זייערע ווערטער האב איך דערקענט אז זיי זענען רשעים וואס ווילן אויסנוצן מיין ברכה פאר שלעכטע מעשים, און פון אזעלכע מענטשן וויל איך קיין געלט נישט נעמען. אין א פאר טעג ארום איז מפורסם געווארן אז מען האט געכאפט אויפן יריד געפערליכע פערד גנבים וואס האבן געגנבעט פערד און זיי פארקויפט און מען האט די צוויי איינגעזעצט אויף לאנגע יארן. נאכדעם האט מען אין קאמינקא זיך דערוואוסט אז די צוויי זענען געווען טאקע די צוויי סוחרים וואס האבן פון רבין געוואלט א ברכה אויף זייערע גניבות און דער הייליגע רבי האט דאס דערקענט דורך זייערע דיבורים זיע"א

מזל טוב לר' משה יחיאל טרעוויס נ"י לרגל אירוסו עב"ג בת ר' דוב שענקער נ"י חתן הרה"ח ר' ח"י ליפא מארקאוויטש נ"י

הגליון מוקדש לעי"נ דודי הרה"ח ר' ברוך יוסף בן ר' אברהם יעקב הלוי באכנער ע"ה ואחותי מרת אסתר מלכה בוקשפאן ע"ה ט' חשון


***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים - צו פארקויפן -***

5 ספרים וואס 2 זענען זעלטענע חסידישע ספרים דפוס ראשון פון הרה"ק ר' מענדל מזידיטשוב מיט חתימות הרה"ק ר' שלום בהרה"צ ר' מאיר רובין מגלאגוב. ספר נועם אלימלך דפוס ראשון. דעם שטעקן פון דער מקובל הרש"ש הקדוש מיט וואס ער האט געהאט קפיצת הדרך און געמאכט מופתים. א קמיע פון הגה"ק ר' יהודה פתייה, דעם בעכער און מטבעות פדיון נפש און שטעקן פון הגה"ק ר' יצחק כדורי. סעט נ"ך דפוס זיטאמיר מצב מצויין, תהלים דפוס זיטאמיר. תיקוני זוהר דפוס סלאוויטא. ספר חסידים דפוס זיטאמיר מצב נהדר. סידור עבודה ומורא דרך ספרד דפוס סלאוויטא השער הראשון ועוד דפים מצולמים אבל יש שער שני.תיקוני זוהר דפוס קארעץ נכרך עם ס' אור ישראל מהמגיד מקאזניץ מצב מפואר. ספר מטה אפרים עם הגהות הגאון ר' שמואל בנימין קלוגער. ספר עיר דוד על התורה דפוס ראשון מר' דוד לידא שייך להרה"צ ר' יהושע אוסטראווצא בעל תולדות אדם. מכתב מבעל דברי חיים מצאנז שתי שורות בכת"י. סדר הדורות דפוס קאפוסט תק"ע עם חתימת הרה"צ ר' יצחק מאיר מזינקוב ושהיה שייך לאביו בעל אוהב ישראל מאפטא. ספר תולדות אדם להרה"צ ר' יהושע אוסטראווצא שייך להגה"ק ר' משה אלימלך אדמו"ר מלעבערטוב ורבו של הצדיק ר' שמעון מזעליחוב.

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:00 Fri till 1pm**